איינמאָל, ווען נתן האָט זיך אויפגעזעצט און אַרויסגעקוקט, האָט ער דערזען, צו זיין שטיינונג, אַז די לייט גייען אויף הינטערווילעכץ, און עס איז אים געווען אַ פלא. באַלד האָט ער געזען נאָך אַנדערע וואונדערלעכע זאַכן. ער האָט דערקענט צווישן די פאַרבייגייער באַלעבאַטים, וואָס, לויט זיין זכרון, זענען זיי שוין לאַנג געווען טויט. האָב איך אַ טעות ? — האָט ער זיך געפרעגט — אָדער איז שוין משיח געקומען און ס'איז תחית־המתים ? וואָס לענגער ער האָט געקוקט אַלץ מער האָט ער זיך גע'חידוש'ט. גאַנצע דורות זענען פאַרביי דאָס שטעטל : אידן און ווייבער, מיט זעק אויף די פּלייצעס און מיט שטעקנס אין די הענט. ער האָט דערקענט צווישן זיי זיין טאַטן און דעם זיידן, די באָבעס און די עלטער־מומעס. אַ ווייל האָט ער געזען .ווי בעל־מלאכה'ס בויען די פראַמפּאָלער שול. מען האָט געטראָגן ציגל, געשניטן ברעטער, געמישט קאַלך, געקלאַפּט שינדלען. אַרום זיינען געשטאַנען חדר־אינגלעך, געקוקט אַרויף און גערופן אַן אויסטערליש וואָרט, וואָס ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי זיי וואָלטן גערעדט אַ פרעמד לשון. צוויי שטאָרכן זענען געפלויגן איבער דעם בנין אַרום און אַרום, ווי זיי וואָלטן געמאַכט הקפות. דערנאָך איז דאָס געביי מיט די בויער נעלם געוואָרן, און ער האָט געזען, ווי אַ בינטל פאַרשוינען, באָרוועסע, בערדיקע, מיט ווילדע אויגן און מיט צלמים אין די הענט, האָבן געפירט אַ איד צו דער תליה. דער יונגערמאַן מיט דעם שוואַרצן בערדל האָט געשריען מיט באַנומענע קולות, נאָר זיי האָבן אים געבונדן מיט שטריק און געשלעפּט. אייזערנע גלעקער האָבן געקלונגען, מענטשן אין גאַס זענען אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן. אויבוואויל ס'איז געווען טאָג, איז געוואָרן טונקל, ווי אין אַ ליקוי־חמה. צום סוף האָט דער יונגערמאַן אַ געשריי געטון : שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד, און איז געבליבן הענגען מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג. זיינע פיס האָבן לאַנג זיך געהוידעט און מחנות קראָען זענען געפלויגן איבער אים און געקראַקעט מיט אַ גערדיכט קראַקעניש.

די לעצטע נאַכט האָט זיך נתנ'ען גע'חלומ'ט, אַז רויזע טעמערל און שפרה צירל זענען איין פרוי מיט צוויי פּנימ'ער. איר אָנגעזיכט האָט נתנ'ען גריילעך דערפרייט. וואָרום האָב איך דאָס פריער נישט געמערקט ? — האָט ער זיך גע'חידוש'ט. — וואָרום האָב איך געדאַרפט אויסשטיין די גאַנצע מי און ערגערניש ?... ער האָט געקושט די צוויי־פרצופים'דיקע נקבה, און זי האָט אים צוריקגעקושט מיט אירע צווייפאַכיקע ליפּן און אָנגעשפּאַרט אַן אים די טאָפּלטע בריסטן. ער האָט גערעדט צו איר ליבערייד און זי האָט אים אָפּגעענטפערט מיט צוויי קולות. אין אירע פיר אָרעמס און צוויי שויסן זיינען אַלע קשיות געוואָרן פאַרענטפערט, און ס'איז מער נישט געווען קיין לעבן און קיין טויט, קיין דאָ און קיין דאָרט, קיין אָנהויב און קיין סוף. דער אמת איז אַ טאָפּלטער, — האָט נתן אַ רוף געטאָן, — דאָס איז דער סוד פון אַלע סודות.

יענע נאַכט איז נתן געשטאָרבן אָן ווידוי, און איך האָב אומגעזוימט אויפגעקוילערט זיין נשמה אין שאול־תחתית. עד־היום וואָגלט ער אַרום אין אַלע חיסטע וועלדער און האָט נאָך אַלץ נישט זוכה געווען צו קומען אין גיהנום. ר' משה מעכעלעס האָט ווידער חתונה געהאַט — דאָסמאָל מיט אַ יונגער פרוי. זי האָט אים, מערקט אייך, אויסגעמאַטערט אַן אויער און אינגיכן אים גע'ירש'נט און צעטרענצלט זיין פאַרמעגן. שפרה צירל איז געוואָרן אַ זונה אין פרעשבורג און פאַרפוילט געוואָרן אין הקדש. די חורבה שטייט, וואו זי איז געשטאַנען, און נתנ'ס ביינער וואַלגערן זיך אין איר ביז היינט צו טאָג. און וואָס ווייסטו ? אפשר באַהאַלט זיך דאָרט ווידער אַ רואה ואינו נראה ?...

Once, sitting up, he looked out of the window, and saw to his surprise that people were walking backward, and marveled at this. Soon he saw other extraordinary things. Among those who passed, he recognized men who had long been dead. "Do my eyes deceive me?" he wondered, "Or has Messiah come, and has he resurrected the dead?" The more he looked the more astonished he became. Entire generations passed through the town, men and women with packs on their shoulders and staffs in their hands. He recognized, among them, his father and grandfather, his grandmothers and great-aunts. He watched workers build the Frampol synagogue. They carried bricks, sawed wood, mixed plaster, nailed on eaves. Schoolboys stood about, staring upward and calling a strange word he could not understand, like something in a foreign tongue. As in a dance around the Torah, two storks circled the building. Then the building and builders vanished, and he saw a group of people, barefooted, bearded, wild-eyed, with crosses in their hands, lead a Jew to the gallows. Though the black-bearded young man cried heartrendingly, they dragged him on, tied in ropes. Bells were ringing; the people in the streets ran away and hid. It was midday, but it grew dark as the day of an eclipse of the sun. Finally, the young man cried out: "Shema Yisroel, the Lord our God, the Lord is One," and was left hanging, his tongue lolling out. His legs swayed for a long time, and hosts of crows flew overhead, cawing hoarsely.

On his last night, Nathan dreamed that Roise Temerl and Shifra Zirel were one woman with two faces. He was overjoyed at her appearance. "Why have I not noticed this before?" he wondered. "Why did I have to go through this trouble and anxiety?" He kissed the two-faced female, and she returned his kisses with her doubled lips, pressing against him her two pairs of breasts. He spoke words of love to her, and she responded in two voices. In her four arms and two bosoms, all his questions were answered. There was no longer life and death, here nor there, beginning nor end. "The truth is twofold," Nathan exclaimed. "This is the mystery of all mysteries!"

Without a last confession of his sins, Nathan died that night. I at once transported his soul to the nether abyss. He still wanders to this day in desolate spaces, and has not yet been granted admittance to hell. Moshe Mecheles married again, a young woman this time. She made him pay dearly, soon inherited his fortune, and squandered it. Shifra Zirel became a harlot in Pressburg and died in the poorhouse. The ruin still stands as before, and Nathan's bones still lie there. And, who can tell, perhaps another man, who sees without being seen, is hiding in it.

# *Zeidlus the Pope*

# זיידלוס דער ערשטער

## א

עס זענען אין אַלע צייטן געווען לייט, וואָס איך, דער יצר־הרע, האָב זיי נישט געקאָנט אָנריידן נישט צו רציחה, נישט צו ניאוף, נישט צו רויב, גנבה, אָדער אַפילו צו ביטול־תורה. דער איינציקער וועג, ווי מ'האָט געקאָנט צוקומען צום כוח־הדם פון די דאָזיקע פיינע בריות, איז געווען דורך אייטלקייט און גרויסהאַלטעריי. איינער פון זיי איז געווען ר' זיידל כהן. ערשטנס, איז ער געווען אַ יחסן. ער איז געווען אַן אייניקל פון רש"י און האָט געצויגן דעם יחוס ביז דוד המלך. ער האָט געהאַט זכות־אבות. צווייטנס, איז ער געווען אַ למדן — איינער אין לובלינער געגנט. צו פינף יאָר האָט ער שוין געלערנט גמרא מיט תוספות, צו זיבן — האָט ער געקאָנט פון אויסנווייניק קידושין און גיטין. צו ניין האָט ער געהאַלטן שבת־הגדול אַ דרשה אין דער יאַנעווער שול און געשאָטן מיט שטיקער ראַ"ש, ריטב"א און רמב"ם, אַז אַלטע לומדים זענען געבליבן געפּלעפט. אין תנ"ך איז ער געווען ביי זיך אין דער היים, און ווען ס'איז געקומען צו דקדוק, איז ממש נישט געווען זיינסגלייכן. דערצו איז ער געווען אַ מתמיד. זומער

## I

In ancient times there always lived a few men in every generation whom I, the Evil One, could not corrupt in the usual manner. It was impossible to tempt them to murder, lechery, robbery. I could not even get them to cease studying the Law. In one way only could the inner passions of these righteous souls be reached: through their vanity.

Zeidel Cohen was such a man. In the first place, he had the protection of noble ancestors: he was a descendant of Rashi whose genealogy reached back to King David. In the second place, he was the greatest scholar in the whole province of Lublin. At five he had studied the Gemara and Commentaries; at seven he had memorized the Laws of Marriage and Divorce; at nine, he had preached a sermon, quoting from so many books that even the oldest among the scholars were confounded. He was completely at home in the Bible; in Hebrew grammar he had no equal. What is more he studied constantly: summer and

און ווינטער איז ער אויפגעשטאנען צוגלייך מיטן מארגנשטערן און זיך אוועקגעזעצט לערנען. מחמת ער איז זעלטן ארויסגעגאנגען אין דרויסן, און נישט געטון קיין האנט אין קאלט וואסער, האט ער געהאט א קנאפן אפעטיט און א גרינגן שלאף. צו ריידן מיט לייט האט ער נישט געהאט נישט קיין באגער און נישט קיין געדולד. ער האט ליב געהאט איין זאך: ספרים. ווי נאר ר'איז אריינגעקומען אין בית־מדרש, אדער אפילו אין שטוב, אזוי גלייך איז ער צוגעלאפן צו דער ספרים־שאנק. ער האט געבלעטערט, געשנישטערט, אריינגעזויגן אז ווען ער האט בלויז איינמאל א בליק געטון אויף א מאמר אין דער גמרא, אדער אויף א חידוש אין א ספר, האט ער אים געדענקט אויף אלע־מאל. דערצו האט ער געהאט א גוף, וואס אונזער איינער האט נישט געקאנט אויף אים האבן קיין שליטה. קיין האר זענען אים כמעט נישט געוואקסן, און צו זיבעצן יאר איז זיין שיידל געווען נאקעט און שפיציק, און ס'איז דארויף פיר־און־צוואנציק שעה אין מעת־לעת געזעסן א יארמלקע. דאס פנים איז געווען לענגלעך, רויטלעך און עפעס ווי צוגעפרוירן. אויף דעם אויסגעשפיצטן קין זיינען געוואקסן בלויז עטלעכע האר. אויפן הויכן שטערן זענען אלעמאל געשטאנען טראפנס שוויס. די קרומע נאז האט אויסגעזען משונה נאקעט, א שטייגער ווי ביי איינעם, וואס איז געוואוינט צו טראגן ברילן און ר'האט זיי אויף א ווייל אויסגעטון. אונטער די אנגערויטלטע ווייס האבן געערוט א פאר געלע מרה־שחורהדיקע אויגן. הענט און פיס האט דער זיידל געהאט קליינע און ווייבערשע. ער איז נישט געגאנגען אין מקווה און מ'האט דעריבער נישט געוואוסט אין שטאט, צי איז ער א סריס, א טומטום, אדער אן אנדרוגינוס. אבער אזוי ווי דער פאטער, ר' סנדל כהן, איז געווען אן אנגעשטאפטער עושר, א למדן און אנגעזעענער מאן, האט ער געטון מיט זיין בן־יחיד א שידוך, ווי ס'האט געפאסט פאר זיינסגלייכן. די כלה איז געווען פון לובלין, א רייכע טאכטער און א יפת־תואר. ביז צו דער חתונה האט זי דעם חתן נישט געזען, און ווען זי האט אויף אים א קוק געטון פארן באדעקנס — איז שוין געווען צו שפעט. בקיצור, זי האט חתונה געהאט און איז קיינמאל נישט טראגעדיק געווארן. זי איז געזעסן אין די חדרים, וואס דער שווער האט איר אפגעגעבן, גע־שטריקט זאקן, אריינגעקוקט אין מעשה־ביכלעך, זיך צוגעהערט ווי דער גרויסער וואנט־זייגער מיט די באגילדטע קייטן און שטיינער האט אויסגעשלאגן שעהן און האלבע שעהן, און, אפנים, געדולדיק געווארט ביז פון די מינוטן וועלן ווערן טעג, און פון די טעג יארן, ביז וואנען ס'וועט קומען די צייט צו גיין שלאפן אויפן אלטן יאנעווער בית־עולם.

אזא כוח האט ער באזעסן, אט־דער זיידל, אז אלץ, וואס האט אים ארומגערינגלט, האט אנגענומען זיין צורה. אויבוואויל א דינסט־מויד האט אכט־געטון אויף זיינע שטובן, איז אויף דעם מעבל אלעמאל געלעגן א שטויב. די פענצטער האט מען אין זיין הויז כמעט קיינמאל נישט געעפנט און זיי זיינען געווען פארהאנגען מיט שווערע געוועגטער. די דילן זענען געווען באדעקט מיט דיקע טעפיכער און די טריט זענען געווען ווייך און פארטויבט, ווי ס'וואלטן דארט ארומגעגאנגען נישט מענטשן, נאר רוחות. אויבוואויל זיידל האט קיינמאל נישט אויסגעגעבן פאר זיך קיין פרוטה און רעכט נישט געקאנט דעם פורעם פון א מטבע (ער האט געקראגן זיין אויסהאלטעניש פון פאטער), איז ער געווען א קמצן און קיינמאל נישט גענומען קיין אורח. אזוי ווי ר'האט מיט קיינעם נישט געשלאסן קיין פריינטשאפט, און נישט ער, נישט זיין ווייב, האבן אמאל פארבעטן אהיים א גאסט, — האט קיינער רעכט נישט געוואוסט ווי זיין דירה זעט אויס.

אזוי ווי זיידל האט נישט געהאט קיין יאך פון פרנסה און קיין תאוות האבן אים נישט באלעסטיקט, איז ער געזעסן און פלייסיק געלערנט. פריער האט ער זיך אפגעגעבן מיט ש"ס און פוסקים, דערנאך האט ער זיך אריינגעלאזט אין קבלה און ר'איז באלד געווארן א גרויסער קענער אין נסתרות. ר'האט אפילו אנגעשריבן א פירוש צום רזיאל המלאך, אדער צום ספר־יצירה. אז ר'האט געקאנט דעם מורה־נבוכים און דעם כוזרי און אלדי־איבעריקע ספרי־פילוסופיה, איז צו פארשטיין. אין איינעם א טאג האט ער געקריגן ערגעץ די ווולגאטע, און אזוי ארום זיך אויסגעלערנט לאטיין. אזוי ווי אין יאנעוו האט גראד געוואוינט א געלערנטער גלח, האט זיידל ביי אים געליגן ביכער און איז געווארן א גאנצער קענער אין ספרים חיצונים. בקיצור, גלייך ווי זיין פאטער, ר' סנדל, האט א גאנץ לעבן צונויפגעלייגט א גראשן צו א גראשן, א רענדל צו א רענדל, אזוי האט זיידל אנגעזאמלט וויסן, און צו א יאר פינף, זעקס און דרייסיק, איז ער געווען אזוי א קענער, אז ס'איז נישט געווען זיינסגלייכן אין גאנץ מדינת פוילן. גראד דאמאלס האב איך געקריגן אן אנצוהערעניש, אז כ'זאל אראפקומען אנרעדן זיידלען צו זינד.

— זיידלען צו זינד? — האב איך געפרעגט — צו וואסערע זינד? אז קיין הנאה פון עסן האט ער נישט און קיין מסחרים פירט ער נישט און ווייבער גייען אים נישט אן. די איינציקע עבירה וואס מ'האט געקאנט צו איר זיידלען אנרעדן, איז אפשר געווען אפיקורסות. כ'האב שוין געהאט אמאל געפרוווט דאס אויך, אבער ס'איז מיר נישט געראטן.

winter alike he rose with the morning star and began to read. As he seldom left his rooms for air and did no physical labor, he had little appetite and slept lightly. He had neither the desire nor the patience to converse with friends. Zeidel loved only one thing: books. The moment he entered the study house, or his own home for that matter, he ran straight to the shelves and began to leaf through volumes, sucking into his lungs the dust from ancient pages. So strong was his power of memory that one look at some passage in the Talmud, at some new interpretation in a Commentary and he could remember it forever.

Nor could I gain power over Zeidel through his body. His limbs were hairless; by seventeen his pointed skull was bald; only a few hairs grew on his chin. His face was long and stiff; three or four drops of perspiration always hung on the high forehead; his crooked nose was strangely naked, like that of a man who is accustomed to wearing glasses but has just taken them off. He had reddish eyelids behind which lay a pair of yellow, melancholy eyes. His hands and feet were small and white as a woman's, though as he never visited the ritual bath it was not known if he was a eunuch or an androgyne. But since his father, Reb Sander Cohen, was extremely rich, himself a scholar and a man of some note, he saw to it that his son made a match befitting the family. The bride came from a rich Warsaw family and was a beauty. Until the day of the wedding she had never seen the groom, and when she did set eyes upon him, just before he covered her face with the veil, it was already too late. She married him and was never able to conceive. She spent her time sitting in the rooms her father-in-law had allotted to her, knitting stockings, reading storybooks, listening to the large wall-clock with its gilded chains and weights ring out the half-hours—patiently waiting, it seemed, for the minutes to become days, the days years, until the time should come for her to go to sleep in the old Janov cemetery.

Zeidel possessed such intensity that all his surroundings acquired his character. Though a servant took care of his rooms, the furniture was always covered with dust; the windows, hung with heavy drapes, seemed never to have been opened; thick rugs covered the floors muffling his footsteps so that it sounded as if a spirit, not a man, were walking there. Zeidel received regularly an allowance from his father, but he never spent a penny on himself. He hardly knew what a coin looked like, yet he was a miser and never took a poor man home for a Sabbath meal. He never took the trouble to make friends, and since neither he nor his wife ever invited a guest, no one knew what the interior of their house looked like.

Untroubled by passions or the need to make a living, Zeidel studied diligently. He first devoted himself to the Talmud and the Commentaries. Then he delved into the Cabala and soon became an expert on the occult, even writing tracts on *The Angel Raziel* and *The Book of Creation*. Naturally he was well acquainted with *The Guide for the Perplexed*, the *Kuzari*, and other philosophical works. One day he happened to acquire a copy of the Vulgate. Soon he had learned Latin, and he began to read extensively in the forbidden literature, borrowing many books from a scholarly priest who lived in Janov. In short, just as his father had accumulated gold coins all his life, so Zeidel accumulated knowledge. By the time he was thirty-five no one in all Poland could equal him in learning. Just then I was ordered to tempt him to sin.

"Persuade Zeidel to sin?" I asked. "What kind of sin? He doesn't enjoy food, is indifferent to women, and never has anything to do with business." I had tried heresy before, without success. I remembered our last conversation:

— לאמיר אננעמען, אַז ס'איז נישטאָ, חלילה, קיין גאָט — האָט ער מיר געזאָגט, — נו, איז וואָס? איז זיין נישט־זיין אליין אלקות. נאָר גאָט, דער מסבב כל הסבות, קאָן האָבן דעם כוח נישט צו זיין...

— אויב ס'איז נישטאָ קיין באַשעפער, צו וואָס־זשע דאַרפסטו דאַווענען און לערנען? — האָב איך אים געפרעגט.

— וואָס־זשע זאָל איך טאָן? — האָט ער מיך צוריקגעפרעגט, — טרינקען אַקאַוויט? טאַנצן מיט אַ שיקסע?

דעם אמת געזאָגט, האָב איך אים נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן, און כ'האָב אים געלאָזט געמאַך. איצט, אַז מ'האָט מיך געהייסן פון אויבן זיך ווידער אָ נעם טון צו זיידלען (דער פאָטער האָט שוין נישט געלעבט), האָט מיר די שליחות נישט געשמעקט. כ'האָב נישט אָנגעהויבן צו וויסן, ווי מ'הויבט אָן מיט אַזאַ בעל־דבר, און בין אַראָפּ אין שטעטל מיט אַ שווער האַרץ.

## ב

נאָך לאַנגע נאָכזוכענישן און פאָרשענישן, האָב איך אויסגעפונען, אַז זיידל האָט געהאַט איין שלעכטע מידה — גאווה. ער האָט געהאַט אַ סך מער ווי דאָס אַכטל פון אַן אַכטל, וויפיל אַ תלמיד־חכם דאַרף צו האָבן.

איינמאָל אין מיטן דער נאַכט האָב איך אים אויפגעוועקט פון דרימל און צו אים אַ זאָג געטאָן:

— ווייסטו, זיידל, אַז דו קענסט בעסער די קליינע אותיות פון אַלע רבנים אין מדינת פוילן?

— אוודאי ווייס איך, האָט ער געענטפערט, אָבער ווער נאָך ווייסט עס? קיינער נישט.

— ווייסטו, זיידל, אַז דו שאַקלסט אויס פון אַרבל די גרעסטע מדקדקים? — האָב איך ווייטער געפרעגט. — ווייסטו, אַז דו קאַנסט מער קבלה וויפל ס'איז אַנטפּלעקט געוואָרן צו ר' חיים וויטאַל? ווייסטו, אַז דו ביסט מער פילוסוף ווי דער רמב"ם?

— אַקעגן וואָס זאָגסטו דאָס אַלץ? — האָט זיידל מיך געפרעגט מיט חידוש.

— כ'זאָג עס אַקעגן דעם — האָב איך געענטפערט — וואָס אַזאַ אדם גדול, אַ שר־התורה, אַ צנא דמלא ספרא, זיצט באַגראָבן אין אַ העק ווי יאַנעוו און קיינער קוקט זיך אויף אים נישט אום. די שטאָט־לייט זענען גראָב, דער רב איז אַ בור דאורייתא, און דיין וויב קאָן דיך רעכט נישט. ביסט אַ פּערל אין זאַמד, ר' זיידל, אַ בן־מלך אין שמאַטעס.

— וואָס קען איך טאָן? — האָט ער געפרעגט. — זאָל איך אַרומוואַגלען און שרייען: אני שלמה?

— ניין, ר' זיידל, דאָס וועט נישט העלפן. מ'עט דיך נאָך האַלטן פאַר אַ מטורף.

— וואָס־זשע איז דיין עצה? — האָט ער געפרעגט.

— זאָג מיר צו, אַז דו וועסט מיר נישט איבעררייסן אין מיטן, וועל איך דיר זאָגן. זיי וויסן, יידן האָבן קיינמאָל נישט נוהג־כבוד געווען אין זייערע מנהיגים. אויף משהן האָבן זיי געמורמלט און שמואלן האָבן זיי ווידערשפעניקט; ירמיהון האָבן זיי אַריינגעוואָרפן אין אַ גרוב און זכריהן האָבן זיי געקוילעט. דער עם־הנבחר האָט פיינט גרויסקייט. אין יעדן גרויסן מאַן זעען זיי אַ קאָנקורענט צום רבונו־של־עולם. אידן האָבן גערן קליינע מענטשעלעך, מילבן־קעפּעלעך. זייערע ל"ו צדיקים זענען שוסטערלעך און וואַסער־טרעגערס, זייערע מצוות און עבירות האָבן צו טון מיט אַ טראָפּן מילך, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אַ טאָפּ פלייש, אָדער אַן איי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יום־טוב. דאָס לשון־קודש האָבן זיי מוטוויליק פאַרגריזט און פאַרקריפּלט. דוד המלך האָבן זיי אָפּגעמשלט אין זייער גמרא ווי אַ קליינשטעטלדיק רבל, וואָס פּסקנט שאלות־נשים, אַלץ כדי צו צוזונעמען פון אים דעם כבוד־המלכות. זייער כלל איז: וואָס קלענער, אַלץ גרעסער; וואָס מיאוסער — אַלץ שענער; וואָס שטויביקער — אַלץ נעענטער צו גאָט. נו, קאַנסטו שוין באַגרייפן, אַז דו מיט דיין גרויסן מוח, מיט דיין רייכטום און יחוס, מיט דיין שאַרפער תפיסה און כוח־הזכרון, ביסט ביי זיי אַ דאָרן אין אויג. פאָלג מיך, ר' זיידל, און שמד זיך. די גוים זענען גריילעך פאַרקערט פון די יידן. אויב זייער גאָט איז אַ מענטש, קען ביי זיי אַ מענטש זיין אַ גאָט. זיי האָבן ליב גרויסקייט: גרויסע בעלי־רחמים און גרויסע אכזרים; גרויסע בויער און גרויסע צעשטערער; גרויסע צנועות און גרויסע הורן; גרויסע חכמים און גרויסע נאַראָנים; גרויסע הערשער און גרויסע ווידערשפּעניקער; גרויסע מאמינים און גרויסע לייקענער. זיי איז אַלץ איינס וואָס איינער איז, — אַבי ר'איז גרויס, מאַכן זיי אים פאַר אַ געץ. דעריבער, זיידל, אויב דו ווילסט כבוד אויף דער־וועלט, נעם אָן זייער אמונה. וואָס שייך גאָט, ליגט אים אין דער לינקער פאה, צי מ'דאַוונט פאַר אים אין אַ שול אָדער מ'בלעקעצט אין אַ תפילה; צי מ'פאַסט הפסקות, אָדער מ'פרעסט דבר־אחר. ער איז אַזוי אַלמעכטיק און געאַכפּערט, אַז די גאַנצע ערד

"Let's assume that, God forbid, there is no God," he had answered me. "So what? Then His non-being itself is divine. Only God, the Cause of all Causes, could have the power not to exist."

"If there is no Creator, why do you pray and study?" I continued.

"What else should I do?" he asked in return. "Drink vodka and dance with Gentile girls?"

To tell the truth I had no answer to that, so I left him in peace. His father had since died, and now I was ordered to devote myself to him again. With not the slightest idea of how to begin, I descended to Janov with a heavy heart.

## II

I discovered after some time that Zeidel possessed one human weakness: haughtiness. He had much more than that sliver of vanity which the Law permits the scholar.

I laid my plans. In the middle of one night, I woke him from his slumber and said: "Do you know, Zeidel, that you are better versed than any rabbi in Poland in the fine print of the Commentaries?"

"Certainly I know it," he replied. "But who else does? Nobody."

"Do you know, Zeidel, that you outshine all other grammarians in your knowledge of Hebrew?" I continued. "Are you aware that you know more of the Cabala than was divulged to Reb Chaim Vital? Do you know that you are a greater philosopher than Maimonides?"

"Why are you telling me these things?" Zeidel asked, wondering.

"I'm telling you because it's not right that a great man such as you, a master of the Torah, an encyclopedia of knowledge, should be buried in a God-forsaken village such as this where no one pays the slightest attention to you, where the townspeople are coarse and the rabbi an ignoramus, with a wife who has no understanding of your true worth. You are a pearl lost in sand, Reb Zeidel."

"Well?" he asked. "What can I do? Should I go about singing my own praises?"

"No, Reb Zeidel. That wouldn't help you. The town would only call you a madman."

"What do you advise, then?"

"Promise me not to interrupt and I'll tell you. You know the Jews have never honored their leaders: They grumbled about Moses; rebelled against Samuel; threw Jeremiah into a ditch; and murdered Zacharias. The Chosen People hate greatness. In a great man, they sense a rival to Jehovah, so they love only the petty and mediocre. Their thirty-six saints are all shoemakers and water-carriers. The Jewish laws are concerned mainly with a drop of milk falling into a pot of meat or with an egg laid on a holiday. They have deliberately corrupted Hebrew, degraded the ancient texts. Their Talmud makes King David into a provincial rabbi advising women about menstruation. The way they reason, the smaller the greater, the uglier the prettier. Their rule is: The closer one is to dust, the nearer one is to God. So you can see, Reb Zeidel, why they find you a thumb in the eye—you with your erudition, wealth, fine breeding, brilliant perceptions, and extraordinary memory."

"Why do you tell me all these things?" Zeidel asked.

"Reb Zeidel, listen to me: what you must do is become a Christian. The Gentiles are the antithesis of the Jews. Since their God is a man, a man can be a God to them. Gentiles admire greatness of any kind and love the men who possess it: men of great pity or great cruelty, great builders or great destroyers, great virgins or great harlots, great sages or great fools, great rulers or great rebels, great believers or great infidels. They don't care what else a man is: if he is great, they idolize him. Therefore, Reb Zeidel, if you want honor, you must embrace their faith. And don't worry about God. To One so mighty and sublime the earth and its inhabitants are no more than a

מיט אירע באַוואוינער האָבן ביי אים אַ פּנים ווי ווערים און מיקן. ער איז אַזוי דערהויבן און געגרויסט, אַז ער זעט אפילו נישט די באַשעפענישלעך וואָס האַלטן זיך פאַר דעם בחיר־היצירה.

— הייסט עס, גאָט האָט נישט געגעבן די תורה צו משהן?

—אַ שיין פּנים וואָלט גאָט געהאַט, ער זאָל זיך אויסטענהן מיט אַ ילוד־אשה! . . .

— און ישוע איז אויך נישט זיין זון? . . .

— ישוע איז געווען אַ ממזר פון נצרת.

— און ס'איז נישטאָ קיין שכר ועונש? — האָט זיידל געפרעגט.

— ניין.

— וואָס־זשע איז יאָ דאָ? — האָט זיידל מיך געפרעגט אַ פאַרווירטער און דערשראָקענער.

— עפּעס איז דאָ, נאָר ס'איז נישט דאָאיק — האָב איך געזאָגט מעשה פילוסוף.

— איז נישטאָ קיין האָפענונג זיך צו דערוויסן דעם אמת? — האָט ער מיך געפאָרשט.

— די וועלט איז נישט צום וויסן און איז נישט אמתדיק — האָב איך געדרשנט. — גלייך ווי מ'קען נישט דערגיין דעם טעם פון זאַלץ מיט דער נאָז, און דעם ריח פון אפרסמון מיט דעם אויער, און דעם קלאַנג פון אַ פידל מיט דער צונג, — אַזוי קאָן מען נישט משיג זיין די וועלט מיטן שכל.

— מיט וואָס־זשע קען מען זי באַנעמען?

— אַביסל — דורך די תאוות. נו, האָסטו אָבער בלויז איין תאווה: דיין גדלות. וועסטו זי אויך בייקומען, בלייבסטו נאַקעט און הויל.

— וואָס זאָל איך טון? — האָט זיידל געפרעגט אַ מבולבלדיקער, און איך האָב געענטפערט: גיי אַוועק מאָרגן צום גלח און ענטפער אים איבער דיין סוד, אַז דו ווילסט ווערן אַ זייעריקער. פאַרקויף אויס דיין פאַרמעגן און פּרוּוו אָנרעדן דיין ווייב, זי זאָל אויך אויסבייטן ס'רענדל. וועט זי וועלן, איז וואויל; אלא נישט, פאַרלירסטו אויך קנאַפּ. ביי די גויים וועט מען דיך מאַכן פאַר אַ גלח, און אַ גלח טאָר נישט האָבן קיין ווייב. וועסט ווייטער זיצן און לערנען, טראָגן אַ לאַנגע זשופּיצע, אַ יאַרמלקע און שמעקן טאַבאַק. מער נישט, אַנשטאָט צו בלייבן שטעקן אין אַ פאַרוואָרפענער העק צווישן אידן, וואָס האָבן פיינט דיך און דיינע השלמות, און אַנשטאָט צו דאַווענען אין אַן איינגעזונקען בית־מדרש, וואו קבצנים קראַצן זיך הינטערן אויוון, — וועסטו וואוינען אין אַ גרויסער שטאָט, פּרעדיקן אין אַ רייכער תיפלה, וואו עס שפּילט אַן אָרגל, און דיינע בעלי־הבתים וועלן זיין ראָטהאַרן, און פּריצות וועלן דיר קושן די האַנט און וועסט פאָרן אין אַ קאַרעטע געשפּאַנט מיט פיר פערד. און אַז דו וועסט דיך דערדינען און צונויפשטעלן עפּעס אַ טריף־פּסול וועגן דעם יויזל און זיין מוטער, די בתולה, — וועט מען דיך מאַכן פאַר בישאָף, און שפּעטער פאַר אַ קאַרדינאַל, און אם ירצה השם, אַז אַלץ וועט גיין אויפן גלייכן וועג, וועסטו ווערן אַן אַפּיפיור, און די גויים וועלן דיך טראָגן אויף אַ גילדערנער שטול, ווי אַ געץ, און מ'וועט פאַר דיר רויכערן ווייררויך, און מ'וועט זיך בוקן צו דיין אָפּבילד אין שפּאַניע און אין קראָקע און אין רוים.

— און ווי וועל איך הייסן? — האָט זיידל געפרעגט.

—זיידלוס דער ערשטער.

אַזאַ רושם האָבן מיינע ווערטער געמאַכט אויף זיידלען, אַז ער האָט זיך אויפגעזעצט אויפן געלעגער און זיך גענומען שאָקלען אין דער פינסטער אַהין און צוריק, און זיין ווייב האָט זיך דערפון אויפגעוועקט און אים געפרעגט פאַרוואָס ער שלאָפט נישט; וואָרום מיט אַ פאַרבאָרגענעם חוש האָט זי געאַנט, אַז עפּעס אַ פאַרלאַנג באַהערשט איר מאַן, און זי האָט געטראַכט: ווער ווייסט? אפשר איז געשען אַ נס? . . . און מחמת זיידל האָט שוין געהאַט אָפּגעפּאַסט מיט איר זיך צו גטן, האָט ער איר אָפּגעענטפערט, זי זאָל שלאָפן און נישט פרעגן קיין קשיות. ער אַליין האָט אָנגעטון די שטעק־שיך, זיך איינגעהילט אין אַ שלאָף־ראָק, איז אַוועק אין זיין קעמערל און אָנגעצונדן אַ וואַקסן ליכט. ער איז ביז פאַרטאָג געזעסן און ביי דער שיין געחזרט די וואולגאַטע, דעם תנ״ך אויף לאַטיין, וואָס ער האָט געהאַט געבאָרגט ביים כומר.

swarm of gnats. He doesn't care whether men pray to Him in a synagogue or a church, fast from Sabbath to Sabbath or bloat themselves with pork. He is too exalted to notice these puny creatures who delude themselves thinking that they are the crown of Creation."

"Does that mean God did not give the Torah to Moses at Sinai?" Zeidel asked.

"What? God open his heart to a man born of woman?"

"And Jesus was not His son?"

"Jesus was a bastard from Nazareth."

"Is there no reward or punishment?"

"No."

"Then what is there?" Zeidel asked me, fearful and confused.

"There is something that exists, but it has no existence," I answered in the manner of the philosophers.

"Is there no hope then ever to know the truth?" Zeidel asked in despair.

"The world is not knowable and there is no truth," I replied, turning his question around. "Just as you can't learn the taste of salt with your nose, the smell of balsam with your ear, or the sound of a violin with your tongue, it's impossible for you to grasp the world with your reason."

"With what can you grasp it?"

"With your passions—some small part of it. But you, Reb Zeidel, have only one passion: pride. If you destroy that too, you'll be hollow, a void."

"What should I do?" Zeidel asked, baffled.

"Tomorrow, go to the priest and tell him that you want to become one of them. Then sell your goods and property. Try to convince your wife to change her religion—if she's willing, good; if not, the loss is small. The Gentiles will make you a priest and a priest is not allowed to have a wife. You'll continue to study, to wear a long coat and skullcap. The only difference will be that instead of being stuck away in a remote village among Jews who hate you and your accomplishments, praying in a sunken hole of a study house where beggars scratch themselves behind the stove, you will live in a large city, preach in a luxurious church where an organ will play, and where your congregation will consist of men of stature whose wives will kiss your hand. If you excel and throw together some hodgepodge about Jesus and his mother the Virgin, they will make you a bishop, and later a cardinal—and God willing, if everything goes well, they'll make you Pope one day. Then the Gentiles will carry you on a gilded chair like an idol and burn incense around you; and they'll kneel before your image in Rome, Madrid, and Crackow."

"What will my name be?" asked Zeidel.

"Zeidlus the First."

So great an impression did my words make that Zeidel started violently and sat up in bed. His wife awoke and asked why he wasn't sleeping. With some hidden instinct, she knew he was possessed by a great desire, and thought: Who knows, perhaps a miracle has happened. But Zeidel had already made up his mind to divorce her, so he told her to keep still and not ask any more questions. Putting on his slippers and robe, he went to his study, where he lit a wax candle and sat until dawn re-reading the Vulgate.

זיידל האָט געטון ווי איך האָב אים געראָטן. ער איז אַוועק צום גלח און אים געגעבן אָן אָנצוהערעניש, דאָס ער וויל מיט אים אַ שמועס טון וועגן אמונה-ענינים. פאַרשטייט זיך, אַז דער טמא איז צוגעזאָגט געוואָרן. וואָס קאָן זיין אַ בעסערע סחורה פאַר אַ גלח ווי אַ יידישע נשמה? צו מאַכן אַ לאַנגע מעשה קורץ: גלחים און פריצים פון דער גאַנצער געגנט האָבן צוגעזאָגט זיידלען גאָלדענע גליקן, און זיידל האָט אין איילעניש פאַרקויפט זיין האָב-און-גוטס, אָפּגעגט דאָס ווייב, זיך געלאָזט באַשווענצלען מיטן הייליקן וואַסער, און איז געוואָרן אַ גוי. צום ערשטן מאָל אין לעבן האָט זיידל געהאַט כבוד: גלחים האָבן זיך אַרום אים געפּאָרעט; פריצים האָבן אים באַשאָטן מיט לויב-ווערטער; פריצות האָבן צו אים לייטזעליק געשמייכלט און אים פאַרבעטן אין זייערע הויפן. זיין טויף-פאָטער איז געווען דער זאַמאָשטשער בישאָף. ער האָט מער נישט געהייסן זיידל ר' סנדלס, נאָר בענעדיקטוס יאַנאָווסקי. דער ביינאָמען איז אים געגעבן געוואָרן נאָך דער שטאָט יאַנעוו, וואו ער איז געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן. אויבוואויל זיידל איז דערווייל נאָך נישט געווען קיין גלח און אפילו נישט קיין דעקאַן, האָט ער זיך געלאָזט אויפנייען אַ לאַנגע שוואַרצע סוטאַנע ביז די קנעכלען און האָט אָנגעטון אויפן האַלדז אַ שנור פּאַטשערקעס און אַ צלם. געוואוינט האָט ער דערווייל ביים גלח און ער איז זעלטן אַרויס אין דרויסן, וואָרום די יידישע קונדסים האָבן אים נאָכגעיאָגט און אים נאָכגעשריגן משומד.

זיידלס גויאישע פריינט האָבן געהאַט פאַר אים אַלערליי פּלענער. טייל האָבן געזאָגט, אַז ער זאָל אָנקומען אין אַ סעמינאַר פאַר גלחים און אויסשטודירן אויף כומר. אַנדערע האָבן אים געעצהט, ער זאָל ווערן אַ מאָנאַך אין אַ דאָמיניקאָנער קלויסטער אין לובלין. ס'זענען אפילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן אים געראָטן, ער זאָל חתונה האָבן מיט אַ פאַרמעגלעכער ערלית אין דער געגנט און ווערן אַ פריץ. אָבער זיידל האָט נישט געהאַט קיין געדולד צו גיין מיטן דרך-המלך. ער האָט געוואָלט גיך עולה לגדולה זיין. אַזוי ווי ער האָט גע-וואוסט, אַז פיל משומדים האָבן באַקומען אַ גרויסן נאָמען מיט זייערע כתבי-פּלסתר אויפן תלמוד און אויף יידישקייט, ווי אַ שטייגער פּעטרוס אַלפאָנסאָ, פאַבלאָ קריסטיאַני פון מאָנפּאָליע, פּאָול דע סאַנטאָ מאַריאָ, פּעדראָ דע לאָ קאַבאַלעריאָ, יאָהאַן באַפּטיסטאַ, יאָהאַן פּעפערקאָרן, אַנ-טאָניוס מאַרגאַרעטא און פיל אַנדערע, — האָט זיידל ביי זיך אָפּגעפּאַסט צו גיין אין זייער שטעג. איצט, אַז זיידל איז שוין געווען אַ משומד און חדר-אינגלעך זענען אים נאָכגעלאָפן אין די גאַסן, האָט ער פּלוצלינג אויסגעפונען, אַז ער האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט דעם תלמוד, זיינע שקלא-וטריאס און אגדות, זיין געמיש פון לשון-קודש און לשון ארמית, און אַריינטייטשונגען אין פּסוקים פון תנ"ך. זיידל איז געפאָרן קיין לובלין און קיין קראָקע, וואו ער האָט אין די גלחישע ביבליאָטעקן געפונען די ביכער, וואָס די משומדים האָבן פאַרפאַסט. ער האָט גלייך פון די ערשטע בלעטער דערקענט, אַז די מערסטע פון זיי זענען געווען עם-הארצים; אַז זיי האָבן נאָכגעפּלאַפּלט איינער דעם אַנדערן און אַז אַלע האָבן זיי זיך באַנוצט מיט די אייגענע פאָר מימראָס, ווי אַ שטייגער: טעות גוי מותר, כותי ששבת חייב מיתה, טוב שבגוים הרוג. אייניקע האָבן אפילו נישט אַליין געשריבן זייערע חיבורים, נאָר אַנדערע האָבן עס געטון אין זייער נאָמען. דעם אמת גרויסן כתב-פּלסתר קעגן תלמוד האָט נאָך קיינער נישט געהאַט פאַרפאַסט, און קיינער איז נישט געווען אַזוי צוגעברייט פאַר אַזאַ טריף-פּסול ווי זיידל, דער חריף און בקי, דער מקובל און פילוסוף. פאַר איינוועגס האָט זיידל זיך פאַרנומען צו געפינען נייע ראיות פון תנך, אַז די נביאים האָבן כלומרשט פאָראויס-געזען ישוס קומען און זיין מיתה-משונה און זיין תחית-המתים. ער האָט אויך געוואָלט אַרויסדרינגען דעם קריסטלעכן דת על פי חכמת הלאגיק, אַסטראָנאָמיע און חכמת-הטבע. זיידלס חיבור האָט געזאָלט ווערן, להבדיל, אַ גויאישער יד-חזקה, אַ שריפט, וואָס זאָל זיידלען אַוועקטראָגן פון יאַנעוו גלייך אין וואַטיקאַן.

זיידל האָט געלערנט און געפאָרשט. ער איז אָפּגעזעסן גאַנצע טעג אין זייערע ביבליאָטעקן און האָט האַלבע נעכט געשריבן מיט אַ געכדזענער פען. פון צייט צו צייט האָט ער זיך באַגעגנט מיט די חכמי-הנוצרים

III

Zeidel did as I advised. He went to the priest and let him know that he wished to speak about matters of faith. Of course the Gentile was more than willing. What better merchandise is there for a priest than a Jewish soul? Anyway, to cut a long story short, priests and noblemen from the entire province promised Zeidel a great career in the Church; he quickly sold all his possessions, divorced his wife, let himself be baptized with holy water, and became a Christian. For the first time in his life, Zeidel was honored: the ecclesiastics made a big fuss over him, the noblemen lavished praise on him, their wives smiled benignly at him, and he was invited to their estates. The Bishop of Zamosc was his godfather. His name was changed from Zeidel son of Sander to Benedictus Janovsky—the surname in honor of the village where he had been born. Although Zeidel was not yet a priest or even a deacon, he ordered a black cassock from a tailor and hung a rosary and cross around his neck. For the time being, he lived in the priest's rectory, seldom venturing out because when he did Jewish schoolboys ran after him in the streets shouting, "Convert! Apostate!"

His Gentile friends had many different plans for him. Some advised him to go to a seminary and study; others recommended that he enter the Dominican priory in Lublin. Still others suggested he marry a wealthy local woman and become a squire. But Zeidel had little inclination to travel the usual road. He wanted greatness immediately. He knew that in the past many Jewish converts to Christianity had become famous by writing polemics against the Talmud—Petrus Alfonzo, Fablo Christiani of Montpelier, Paul de Santa Maria, Johann Baptista, Johann Pfefferkorn, to mention only a few. Zeidel decided to follow in their footsteps. Now that he had converted and Jewish children abused him in the streets, he suddenly discovered that he had never loved the Talmud. Its Hebrew was debased by Aramaic; its pilpul was dull, its legends improbable, and its Biblical Commentaries were far-fetched and full of sophistries.

Zeidel traveled to the seminary libraries in Lublin and Crackow to study the treatises written by Jewish converts. He soon discovered they were all much alike. The authors were ignorant, plagiarized from one another liberally, and all cited the same few anti-Gentile passages from the Talmud. Some of them had not even used their own words, had copied the work of others and signed their names. The real *Apologia Contra Talmudum* had yet to be written, and no one was better prepared to do such a work than he with his knowledge of philosophy and the Cabalistic mysteries. At the same time, Zeidel undertook to find fresh proofs in the Bible that the prophets had foreseen Jesus' birth, martyrdom, and resurrection; and to discover corroborative evidence for the Christian religion in logic, astronomy, and natural science. Zeidel's treatise would be for Christianity what Maimonides' *The Strong Hand* was for Judaism—and it would carry its author from Janov directly to the Vatican.

Zeidel studied, thought, wrote, sitting all day and half the night in libraries. From time to time he met Christian scholars and conversed with them in Polish and Latin.

און געפירט מיט זיי שמועסן אין פויליש און לאַטיין. גלייך ווי זיידל האָט פריער זיך געגריבלט אין ספרים, אַזוי האָט ער איצט געהאַלטן אין איין אַרומזוכן אין גויאישע ביכער. ער איז באַלד געוואָרן אַזאַ בקי אין זייערע ענינים, אַז גלחים און משומדים האָבן מורא באַקומען מיט אים איינצוטענהן. ער האָט אַלעמען געכאַפּט ביי גרייזן. ער האָט געזאָגט אויף אויסנווייניק גאַנצע קאַפּיטלען פון די קירכן־פאַטערס. ער איז געוואָרן אַ מומחה אין לאַטיין. מ׳האָט אים פיל מאָל צוגעזאָגט צו געבן אַ קאַטעדרע אין זייערן אַ סעמינאַר, אָבער עפּעס האָט מען די צוזאָגענישן נישט געהאַלטן. מ׳האָט אים געזאָלט מאַכן פאַר אַ ממונה אויף דער גלחישער ביבליאָטעק אין קראָקע, אָבער עפּעס אַ קרוב פון אַ וואָיעוואָדע איז געזעצט געוואָרן אויף זיין אָרט. זיידל האָט אָנגעהויבן איינזען, אַז ביי די ערלים איז גאָרנישט אַזוי וואויל. די גלחים האָבן מער אין זינען דאָס גאָלד ווי דעם אָפּגאָט. די פּרעדיקטס אין די בתי־טומאה זענען פול מיט עם־הארצות. פסוקים פון תנ״ך און דעם ברית־חדשה ווערן געפעלשט און פאַרקריפּלט. פיל גלחים קאָנען נישט קיין וואָרט לאַטיין. אויך זייער פויליש לשון איז פול מיט גרייזן.

זיידל האָט געשריבן זיין פּאַשקוויל יאָרן לאַנג, אָבער ער איז אַלץ נישט פאַרטיק געוואָרן. אַזוי גרויס איז געווען זיין וואוילגעלערנטקייט, אַז ער האָט געהאַלטן אין איין געפינען פּגימות אין זיין אייגן שרייבעכץ. וואָס מער ער האָט פאַרראַכטן די טעותים, אַלץ האָבן זיי זיך געמערט. ער האָט געמעקט און ווידער געשריבן. ס׳האָבן זיך שוין אָנגעהויפט אין זיינע שופלאָדן כמה בויגנס פּאַפּיר, נאָר קיין גאַנץ שוואַרץ־חיבור האָט ער נישט געקאָנט צונויפשטעלן. נאָך יאָרן האָט אים אַזאַ מידקייט אָנגענומען און אַזוי אַ שפלות, אַז ער האָט מער נישט געקאָנט מאַכן אַ צווישנשייד, וואָס ס׳איז כלומרשט רעכט און וואָס איז פאַלש, וואָס איז שכלדיק און וואָס נאַריש, וואָס ס׳וועט די רשעים וואוילגעפעלן און אויף וואָס זיי וועלן וואַרפן אַן אומחן. ער האָט מער נישט געגלויבט נישט אין אמת און נישט אין שקר. פונדעסטוועגן האָט ער נישט אויפגעהערט זיך צו גריבלען אין אַלערליי ענינים און מחדש צו זיין חידושים. מחמת ער האָט צוליב זיין בוך וועגן שקוץ משומם געמוזט אָפט אַריינקוקן אין תלמוד, האָט ער זיך פאַרטיפט אין אַלערליי סוגיאָס און ער האָט רעכט נישט געוואוסט, אויב ער לערנט דערפאַר, ווייל ער זוכט נאָך אַלץ בלבולים, אָדער אויס געוואוינהייט. ער האָט מיט אַ ציטערנדיקער האַנט געשריבן אויף די ראַנדן פון ספרים מראה־מקומות און זיך אַריינגעלאָזט אין נאָכפאָרשן אַלערליי נוסחאות. צומאָל האָט ער סתם געלייענט ביכער וועגן פּראָצעסן פון מכשפות, געשיכטעס פון יונגפרויען, וואָס ס׳האָט זיך אין זיי באַזעצט אַ טייוול, באַשרייבונגען פון דער אינקוויזיציע און ענלעכע זאַכן, וואָס האָבן געטראָפן אין פאַרשיידענע לענדער און צייטן. דערווייל איז דאָס טאָרבעלע מיט די גילדערנע רענדלעך, וואָס האָט געהאָנגען אויף זיין האַלדז הינטערן צלם, געוואָרן אַלץ שיטערער. זיין פּנים איז געוואָרן געל, ווי פּאַרמעט, די אויגן — אויסגעלאָשן, די הענט האָבן זיך אים געטרייסלט, ווי ביי אַ זקן. זיין סוטאַנע איז געוואָרן פול מיט פלעקן און ריסן. יעדע האָפענונג צו ווערן מפורסם ביי די אומות איז אויסגערונען פון זיין האַרץ. עס האָט אים שוין באַנג געטון וואָרום ער האָט איבערגעביטן דאָס רענדל, נאָר דער וועג צוריק איז אויך געווען פאַרצוימט, וואָרום ערשטנס האָט ער זיך געוואַקלט אין אַלע אמונות, אַחוץ דעם איז ביי זיי געווען אַ געזעץ, אַז אַ קריסט, וואָס ווערט צוריק אַ ייד, ווערט פאַרברענט אויפן שייטער.

אין איינעם אַ טאָג, ווען זיידל איז געזעסן אין דער ביבליאָטעק אין קראָקע און אַריינגעקוקט אין אַן אַלטן האַלב־אָפּגעמעקטן כתב־יד, איז אים פלוצלינג טונקל געוואָרן פאַר די אויגן. אין אָנהויב האָט ער געמיינט דאָס ס׳האָט אָנגעהויבן דעמערן, און ער האָט געפרעגט וואָרום מ׳צינדט נישט אָן קיין ליכט; אָבער ווען אַ מאָנאַך, וואָס איז געזעסן דערנעבן, האָט אים געזאָגט, דאָס ס׳איז העלער טאָג, האָט ער באַנומען, אַז ער איז בלינד געוואָרן. ער האָט מער נישט געקאָנט אַליין אַהיימגיין און דער מאָנאַך האָט אים אָפּגעפירט. פון דאַמאָלס אָן האָט זיידל געלעבט אין דער פינצטערניש. מחמת ער האָט פורכט געהאַט, אַז זיינע דוקאַטן וועלן זיך אינגיכן אויסשעפּן, און ער וועט בלייבן אָן אויגן און אָן אַ פּרוטה, האָט ער נאָך לאַנגע אַריינקלערענישן און קווענקלענישן אָפּגעפּאַסט ביי זיך צו ווערן אַ בעטלער ביי דער תיפלה. כ׳האָב סיי־ווי־סיי אַלץ פאַרלוירן — האָט ער געקלערט — סיי די־וועלט און סיי יענע־וועלט, — היינט, וואָס האָב איך מיך דאָ גרויס צו האַלטן? . . . אַז מען קען נישט אַריבער, איז אַ צייכן, אַז מ׳מוז אַרונטער.

און זיידל ר׳ סנדלס, אָדער בענעדיקטוס יאַנאָווסקי, האָט אָפּגענומען

With the same fervor that he had studied Jewish books, he now studied the Christian texts. Soon he could recite whole chapters of the New Testament. He became an expert Latinist. After a while he was so thoroughly versed in Christian theology that the priests and monks were afraid to talk to him for with his erudition he found mistakes everywhere. Many times he was promised a seminary appointment but somehow he never got one. A post as librarian in Crackow which was to be his went to a relative of the governor instead. Zeidel began to realize that even among the Gentiles things were far from perfect. The clergy cared more for gold than for their God. Their sermons were full of errors. Most of the priests did not know Latin, but even in Polish their quotations were incorrect.

For years Zeidel worked on his treatise, but still it was not finished. His standards were so high that he was continually finding flaws, yet the more changes he made, the more he found were necessary. He wrote, crossed out, rewrote, threw away. His drawers were stuffed with manuscript pages, notes, references, but he could not bring his work to a conclusion. After years of effort, he was so fatigued that he could no longer distinguish between right and wrong, sense and nonsense, between what would please and what displease the Church. Nor did he believe any more in what is called truth and falsehood. Nevertheless he continued to ponder, to come up occasionally with a few new ideas. He consulted the Talmud so often in his work that once more he delved into its depths, scribbling notes on the margins of the pages, comparing all the different texts, hardly knowing whether he did so to find new accusations or simply out of habit. At times, he read books about witch trials, accounts of young women possessed by the devil, documents of the Inquisitions, whatever manuscripts he could find that described such events in various countries and epochs.

Gradually, the bag of gold coins that hung around his neck became lighter. His face turned yellow as parchment. His eyes dimmed. His hands trembled like an old man's. His cassock was stained and torn. His hope to become famous among the nations vanished. He came to regret his conversion. But the way back was blocked: first because he doubted all faiths now; second because it was the law of the land that a Christian who returned to Judaism should be burned at the stake.

One day while Zeidel was sitting, studying a faded manuscript in the library in Crackow, everything went dark before his eyes. At first he thought dusk had fallen and asked why the candles had not been lit. But when a monk told him that the day was still bright, he realized he had gone blind. Unable to return home alone, Zeidel had to be led by the monk. From that time on Zeidel lived in darkness. Fearing that his money would soon run out and he would be left without a groschen as well as without eyes, Zeidel decided, after much hesitation, to become a beggar outside the church of Crackow. "I have lost both this world and the world to come," he reasoned, "so why be haughty? If there is no way up, one must go down." Thus Zeidel son of Sander, or Benedictus Janov-

אַז אָרט אויף די טרעפּ פון אַ גרויס בית־טומאה און זיך דאָרטן אַוועקגעזעצט בעטלען.

אין אָנהויב האָבן גלחים און קאַנאָניקן געפּרואווט ׳אים העלפן. מ׳האָט אים געוואָלט אַריינזעצן אין אַ קלויסטער. אָבער זיידל איז נישט ווילִיק געווען צו ווערן קיין מאָנאַך. ער האָט געוואָלט שלאָפן ביינאַכט אַליין אין זיין בוידעם־שטיבל און טראָגן זיין מינץ אין אַ טאָרבעלע הינטערן לייבל. ער האָט אויך מער נישט געוואָלט זיך בוקן צום יויזל. פון מאָל צו מאָל פלעגט אַ גלח אָדער אַ גלחישער שילער זיך אַוועקשטעלן נעבן אים און פאַרפירן אַ געלערנטן שמועס. שפּעטער האָט מען אינגאַנצן אין אים פאַרגעסן. זיידל האָט זיך געדונגען אַ באַבע זי זאָל אים פירן אינדערפרי צו דער תפילה און ביינאַכט צוריק אַהיים. זי האָט אים אויך איינמאָל אין טאָג געבראַכט אַ טעפּל געקעכטס. גוטע גויים האָבן צוגע־וואָרפן נדבות. ר׳האָט אַפילו ווידער אָפּגעשפּאָרט עטלעכע מטבעות, און דאָס טאָרבעלע אויף זיין האַלדז איז געוואָרן פולער. די אַנדערע בעטלערס האָבן געשפּעט אויס אים, נאָר ר׳האָט זיי נישט געענטפערט. ער איז שעהן לאַנג געשטאַנען אויף די קני, דער גאָלער ביינִיקער קאָפּ אַנטבלויזט, די וויעס צוגעשלאָסן, דאָס שוואַרצע מלבוש פאַרקנעפּלט ביז אַרויף, און די ליפּן האָבן נישט אויפגעהערט זיך שאָקלען און פרעפּלען. די פאַרבייגייער האָבן געדאַכט, אַז דער בעטלער זאָגט זייערע תפילות. אין אמתן האָט ער גאָר געלערנט אויסנווייניק משניות, גמרא און געזאָגט תהלים, דען די גויאישע תורות האָט ער פאַרגעסן אַזוי גיך ווי ר׳האָט זיי אויסגעלערנט, און געבליבן איז — די גירסאָ דינקותא. די קירך־גאָס איז פול געווען מיט רויש. וואָגנס האָבן זיך געקוילערט אויף די שטיינער. פערד האָבן געהירזשעט, די שמייסערס האָבן געשריגן מיט גראָבע קולות און געקנאַקט מיט די בייטשן. שיקסעס האָבן געלאַכט, געקוויטשעט. קינדער האָבן געוויינט. גויעס האָבן זיך געקריגט, זיך גערופן צונעמען, גערעדט אויסגעלאַסענע רייד. זיידל פלעגט צומאָל אויפהערן מורמלען, בלייבן קניען אַ פאַרשוויגענער, מיט אַ געזונקענעם קאָפּ. ער האָט איצט מער נישט געהאַט קיין שום באַגערן, בלויז איין פאַרלאַנג האָט געעגבערט אין אים, צו וויסן דעם אמת: איז דאָ אַ מנהיג, אָדער אַלץ איז חומרדיק און הפקר? איז דאָ אַ נשמה, אָדער אַלע מחשבות זענען אויסדעמפעכצער פון מאַרך? איז פאַראַן שכר ועונש, אָדער ס׳איז נישטאָ קיין שום חשבון? איז עפּעס פאַראַן, אָדער דער גאַנצער יש איז אייטל דמיון? די זון האָט אים געברענט, רעגנס האָבן אויף אים געגאָסן, טויבן האָבן אים פאַראומרייניקט מיט אָפּפאַל, נאָר ער האָט נישט געטון קיין אָכט צו די דרויסנדיקע טרעפעניש. איצט, אַז זיידל האָט אָנגעוואוירן זיין איינציקע תאווה, די גרויסהאַלטעריי, איז אים שוין קיין שום גשמיותדיקע זאַך נישט אָנגעגאַנגען. צומאָל פלעגט ער זיך אַליין אַ פרעג טון: איז דאָס געמאָלט, אַז איך בין זיידל דער עילוי און אַז מיין פאָטער איז געווען ר׳ סנדל דער ראש־הקהל? האָב איך באמת אַמאָל געהאַט אַ ווייב? זענען נאָך פאַראַן לייט, וואָס גע־דענקען מיך? און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דאָס קען נישט האָבן געווען אויף דער וואָר. און אויב ס׳איז יאָ געשען, איז די וואָר אַליין איין גרויסער גרייז.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען די באַבע איז געקומען צו זיידלען אין בוידעם־שטיבל, אים אַוועקצופירן צו דער קירך, האָט זי אים געטראָפן ליגן קראַנק. זי האָט אָפּגעוואַרט ביז ער איז איינגעשלאָפן. דאַן האָט זי שטילערהייט אָפּגעבונדן דאָס טאָרבעלע מיט רענדלעך פון זיין האַלדז און איז אַנטרינען. דער אמת איז געווען דאָס זיידל האָט געשפּירט אין שלומער ווי מ׳באַגנבעט אים, נאָר ס׳האָט אים נישט געאַרט. דער קאָפּ אויף דעם קישעלע מיט היי איז געלעגן שווער ווי אַ שטיין. די פיס האָבן געבראָכן, די געלענקען האָבן ווי געטון, דאָס אויסגעצערטע לייב איז געווען הייס און ווי הויל. זיידל איז איינגעשלאָפן און זיך אויפ־געכאַפּט, ווידער אַנטדרימלט געוואָרן און זיך אויפגעריסן. ער האָט נישט געוואוסט, אויב ס׳איז טאָג אָדער נאַכט. ער האָט געהערט פון גאַס קולות, געשרייען, אַ ברומעניש, אַ רופעניש, אַ טופּעניש, אַ קלינגען פון גלאָקן און ס׳האָט אים צומאָל אויסגעדוכט, גלייך אינדרויסן וואָלט אַ פעבל פון היידן געפּראַוועט אַ חגא, מיט טרומייטן און פּויקעריי, מיט שטורקאַצן און ווילדע חיות, מיט אויסגעלאַסענע טענץ און געצנדינערישע קרבנות. וואו בין איך ערגעץ? — האָט ער זיך אַליין געפרעגט. דער נאָמען פון דער שטאָט קראָקע איז אים אַרויסגעפלויגן פון די געהירן. ער האָט אפילו נישט געדענקט אין דער מדינה פוילן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער איז ערגעץ אין אתונא, אין רוים, אפשר אין קרתגא. אין וואָס פאַר אַ צייט לעב איך? — האָט ער זיך געפרעגט. און אין זיין פיבערדיקן מוח האָט זיך גענומען וועבן אַ חשבון, אַז עס איז הונדערטער יאָרן פאַר דער ספירת הנוצרים. באַלד איז ער פאַרמאַטערט געוואָרן פון צופיל אַריינטראַכטן, בלויז אַן איינציקער רעיון איז געבליבן: שטאַרב איך טאַקע אָן קיין שום אַנטפּלעקונג? וועט אַלץ ווערן אויס־געלאָשן אויף אייביק? זענען טאַקע די אַפּיקורסים גערעכט? . . .

sky, took his place among the beggars on the steps of the great cathedral of Crackow.

In the beginning the priests and canons tried to help him. They wanted to put him into a cloister. But Zeidel had no wish to become a monk. He wanted to sleep alone in his garret, and to continue to carry his money bag under his shirt. Nor was he inclined to kneel before an altar. Occasionally a seminary student would stop to talk with him for a few minutes on scholarly matters. But in a short while, everyone forgot him. Zeidel hired an old woman to lead him to the church in the morning and home at night. She also brought him a bowl of groats each day. Good-hearted Gentiles threw him alms. He was even able to save some money, and the bag around his neck became heavy again. The other mendicants mocked him, but Zeidel never replied. For hours he kneeled on the steps, his bald skull uncovered, his eyes closed, his black robe buttoned to the chin. His lips never ceased shaking and murmuring. Passers-by thought he was praying to the Christian saints, but actually he was reciting the Gemara, the Mishnah, and the Psalms. The Gentile theology he had forgotten as quickly as he had learned it: what remained was what he had acquired in his youth. The street was full of tumult: wagons rolled by on the cobblestones; horses neighed; coachmen screamed with hoarse voices and cracked their whips; girls laughed and screeched; children cried; women quarreled, called one another names, uttered obscenities. Every once in a while Zeidel stopped murmuring, but only to doze with his head sunken into his chest. He no longer had any earthly desire, but one yearning still plagued him: to know the truth. Was there a Creator or was the world nothing but atoms and their combinations? Did the soul exist or was all thought mere reverberations of the brain? Was there a final accounting with reward and punishment? Was there a Substance or was the whole of existence nothing but imagination? The sun burned down on him, the rains soaked him, pigeons soiled him with their droppings, but he was impervious to everything. Now that he had lost his only passion, pride, nothing material mattered to him. Sometimes he asked himself: Is it possible that I am Zeidel the prodigy? Was my father Reb Sander, the leader of the community? Did I really have a wife once? Are there still some who knew me? It seemed to Zeidel that none of these things could be true. Such events had never happened, and if they had not, reality itself was one great illusion.

One morning when the old woman came to Zeidel's attic room to take him to the church, she found him ill. Waiting until he dozed off, she stealthily cut the bag of money from around his neck and left. In his stupor Zeidel knew he was being robbed, but he didn't care. His head lay as heavy as a stone on the straw pillow. His feet ached. His joints were filled with pain. His emaciated body was hot and hollow. Zeidel fell asleep, awoke, dozed off; then he awoke again with a start, unable to tell whether it was night or day. Out in the streets he heard voices, screams, stamping hoofs, ringing bells. It seemed to him some pagan multitude was celebrating a holiday with trumpets and drums, torches and wild beasts, lascivious dances, idolatrous sacrifices. "Where am I?" he asked himself. He could not remember the name of the city; he had even forgotten he was in Poland. He thought he might be in Athens, or Rome, or perhaps he was in Carthage. "In what age do I live?" he wondered. His fevered brain made him think it was hundreds of years before the Christian era. Soon he tired from too much thought. Only one question remained to perplex him: Are the Epicureans right? Am I really dying without any revelation? Am I about to be extinguished forever?

פלוצלינג האָב איך, דער יצר־הרע, זיך צו אים באַוויזן. ער האָט מיך דערזען בלינדערהייט. זיידל, האָב איך געזאָגט, זיי גרייט. די לעצטע שעה איז געקומען. דאָס ביסט דו? — האָט זיידל אויסגערופן מיט פרייד. — דער מלאך־המות? דער שטן? יאָ, זיידל, האָב איך געענטפערט. איך בין געקומען נאָך דיר. פּרואוו נישט טון קיין תשובה, אָדער זאָגן ווידוי, ווייל ס'וועט דיר סיי־ווי נישט העלפן. וואוהין נעמסטו מיך? — האָט ער געפרעגט. גלייך אין גיהנום אריין. אויב ס'איז דאָ אַ גיהנום, איז דאָך דאָ אַ גאָט אויך! — האָט זיידל געזאָגט מיט ציטערנדיקע ליפּן. ס'איז קיין ראיה נישט — האָב איך דער־ווידערט. ס'איז יאָ אַ ראיה! — האָט ער געענטפערט. — אויב אַ גיהנום איז דאָ, איז אַלץ דאָ. און אויב דו ביסט דאָ, איז ע ר אויך דאָ. איצט נעם מיך וואו דו דאַרפסט. איך בין אָנגעברייט! . . . .

איך האָב אים דערשאָכטן מיט מיין שווערד, גענומען זיין נשמה אין מיינע נעגל און אַוועקגעפלויגן צום שאול־תחתית. קליפּות זענען נאָכגעפלויגן. די מלאכי־חבלה אין גיהנום האָבן אויפגערודערט די קוילן. צוויי לצים, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער טיר — האַלב־פייער, האַלב־פּעך, באַבערדלט און באַקאָלטנט, מיט המן־טאַשן אויף די קעפּ און מיט ריטער אויף די לענדן — האָבן זיך צעלאַכט.

— ס'איז זיידלוס דער ערשטער — האָט איינער געזאָגט צום צווייטן,

— דער ישיבה־בחור, וואָס האָט געוואָלט ווערן אַן אפּיפיור! . . .

1943

Suddenly I, the Tempter, materialized. Although blind, he saw me. "Zeidel," I said, "prepare yourself. The last hour has come."

"Is it you, Satan, Angel of Death?" Zeidel exclaimed joyously.

"Yes, Zeidel," I replied, "I have come for you. And it won't help you to repent or confess, so don't try."

"Where are you taking me?" he asked.

"Straight to Gehenna."

"If there is a Gehenna, there is also a God," Zeidel said, his lips trembling.

"This proves nothing," I retorted.

"Yes it does," he said. "If Hell exists, everything exists. If you are real, He is real. Now take me to where I belong. I am ready."

Drawing my sword I finished him off, took hold of his soul in my claws and, accompanied by a band of demons, flew to the nether world. In Gehenna the Angels of Destruction were raking up the coals. Two mocking imps stood at the threshold, half-fire and half-pitch, each with a three-cornered hat on his head, a whipping rod on his loins. They burst out laughing.

"Here comes Zeidlus the First," one said to the other, "the yeshiva boy who wanted to become Pope."

*Translated by Joel Blocker and Elizabeth Pollet*

# Gimpel the Fool

## I. BASHEVIS SINGER

1

I AM GIMPEL THE FOOL. I don't think myself a fool. On the contrary. But that's what folks call me. They gave me the name while I was still in school. I had seven names in all: imbecile, donkey, flax-head, dope, glump, ninny, and fool. The last name stuck. What did my foolishness consist of? I was easy to take in. They said, "Gimpel, you know the rabbi's wife has been brought to childbed?" So I skipped school. Well, it turned out to be a lie. How was I supposed to know? She hadn't had a big belly. But I never looked at her belly. Was that really so foolish? The gang laughed and hee-hawed, stomped and danced and chanted a good-night prayer. And instead of the raisins they give when a woman's lying in, they stuffed my hand full of goat turds. I was no weakling. If I slapped someone he'd see all the way to Cracow. But I'm really not a slugger by nature. I think to myself, Let it pass. So they take advantage of me.

I was coming home from school and heard a dog barking. I'm not afraid of dogs, but of course I never want to start up with them. One of them may be mad, and if he bites there's not a Tartar in the world who can help you. So I made tracks. Then I looked around and saw the whole market place wild with laughter. It was no dog at all but Wolf-Leib the thief. How was I supposed to know it was he? It sounded like a howling bitch.

# גימפּל תם

א

איך בין גימפּל תם. איך האַלט מיך נישט פאַר קיין נאַר. פאַרקערט. נאָר די לייט רופן מיך מיט אַזאַ צונעמעניש. מ'האָט מיך אָנגעהויבן רופן אַזוי נאָך אין חדר. זיבן צונעמען האָב איך געהאַט, ווי יתרו: טראָפּ, המור־אייזל, האָרפלאָקס, לעקיש, גלאָמפּ, שמויגער און תם. דער לעצטער נאָמען האָט זיך צו מיר צוגעקלעפּט. וואָס איז געווען מיין נאַרישקייט? כאָשער מ'האָט מיך גרינג געקאָנט אָפּנאַרן. מ'האָט געזאָגט: גימפּל, דו ווייסט, די רביצין איז געלעגן געוואָרן, בין איך נישט געקומען אין חדר. נו, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ס'איז געווען אַ ליגן. פון וואַנען האָב איך דאָס געזאָלט וויסן? ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין גראָבן בויך. נו, האָב איך נישט געקוקט אויף דער רביצינס בויך. איז דאָס אַ נאַרישקייט? אָבער די קונדסים האָבן געלאַכט, געכיכעט, מיר אָקעגנגעטאַנצט און מיר אָפּגעלייענט אַ קריאת־שמע־לייענען: אל מלך, קאַטשקע דריי דיך. אַנשטאָט ראָזשינקעס, וואָס מ'טיילט ביי אַ קימפּעטאָרין, האָט מען מיר אַריינגעשטופּט אַ הויפן ציגן־באָבקעס. ווי איר קוקט מיך אָן בין איך נישט געווען קיין מלופן־קינד. אַז כ'האָב דערלאַנגט אַ פּאַטש האָט מען געזען קראָקע. אָבער כ'בין בטבע נישט קיין שלעגער. כ'טראַכט: זאָל מיינס איבערגיין. דעריבער האָט מען אין מיר אַ קונה.

כ'בין געגאַנגען פון חדר אהער און ווי אַ הונט בילט. כ'האָב נישט קיין מורא פאַר קיין הינט, אָבער כ'וויל נישט אָנהייבן מיט קיין כלב. ער קאָן אַ מאָל זיין משוגע און אַז ער טוט דיר אַ ביס, וועט דיר קיין טאָטער נישט העלפן. נו, האָב איך געמאַכט פיס. כ'טו אַ קוק: דער גאַנצער מאַרק קוילערט זיך פון געלעכטער. ס'איז נישט געווען קיין הונט, נאָר וואָלף־לייב גנב עליו־השנאָבל. ווי האָב איך דאָס געקאָנט וויסן? אַז ר'האָט פאַרט געהוילט ווי אַ צויג.